**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 6.8 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן ביציקל און הייקינג טרעיל ביי אלעגאני סטעיט פארק

### *געשטיצט מיט 1.22 מיליאן דאלאר פון Ralph C. Wilson Foundation*

### *נייע 3.6-מייל-לאנגע טרעיל פארברייטערט צוטריט צו פאפולערע קוועיקער לעיק ברעג ארט פאר מענטשן וואס קומען קעמפינג, הייקן און פארן אויף ביציקלער*

### *היסטארישע פעריס וויל זיך צו עפענען ביי מידוועי סטעיט פארק*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א נייע 6.8 מיליאן דאלארדיגע טרעיל פאר געמישטע באנוצן ביי אלעגאני סטעיט פארק וואס גיבט אן אלטערנאטיווע וועג פאר ביציקליסטן, מענטשן וואס גייען הייקינג אדער קעמפינג צו אנקומען צו די פארק'ס פאפולערע קוועיקער לעיק ברעג ארט. די נייע טרעיל איז אפן אין צייט פאר דעם זומער קעמפינג סעזאן אין אלעגאני סטעיט פארק וואס האט איינס פון די גרעסטע קעמפינג שטחים אין אלע סטעיט פארקס.

"אלעגאני סטעיט פארק איז פון די בעסטע פארקס אין נאטור אין די פאראייניגטע שטאטן, און דער פראיעקט וועט דאס מאכן גרינגער און זיכערער פאר באזיכער צו אנקומען צו די קוועיקער לעיק ברעג פון דערנעבנדע קעמפינג שטחים, הייקינג טרעילס און פארוויילונג ערטער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט טוט נישט נאר העלפן ניו יארק סטעיט צו ערגרייכן אירע לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן, נאר עס שפיגלט אויך אפ די סטעיט'ס אנגייענדע שותפות מיט די Ralph C. Wilson Jr. Foundation צו פארברייטערן צוטריט צו דרויסנדיגע פארוויילונג אין ניו יארק סטעיט."

די נייע 3.6-מייל-לאנגע טרעיל פארלענגערט א חלק פון א טרעיל, 1.6 מייל אין לענג, וואס האט זיך געעפנט אין הערבסט פון 2020 צו די צפון זייט פון רוט 3 פון די Taft Cabin טרעיל צו די Quaker General Store און די פארק רענטעל אפיס. די נייע פארלענגערונג – וואס רעכנט אריין אכט פיסגייער בריקן און א געהעכערטע אויסגעפלאסטערטע וועג וואס גייט אריבער א זומפ – לויפט צו מערב פון די general store ביז די קוועיקער לעיק ברעג. דער קוועיקער ראיאן טרעיל פארלענגערונג פראיעקט ווערט אויך געשטיצט מיט 2 מיליאן דאלאר אין סטעיט פארקס אינוועסטירונג געלטער און אזוי אויך 1.22 מיליאן דאלאר פון די Ralph C. Wilson Foundation, 2.88 מיליאן דאלאר פון א 'טראנספארטאציע אלטערנאטיוו פראגראם' (Transportation Alternative Program) גרענט פון די טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) און א 'לאנד און וואסער אפהיטונג קאסע' (Land and Water Conservation Fund) גרענט.

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קולעסעיד, האט געזאגט,** "זינט זי האט זיך געעפנט אין 1921, איז די אלעגאני סטעיט פארק געווען א דיאמאנט אין די קרוין פון די סטעיט פארקס.

דער פראיעקט וועט העלפן אונזערע באזיכער זעהן מער פון די קוועיקער ראיאן אן דארפן צוקומען צו די פארנומענע רוט 3. שותפות'ן ווי די וואס מיר האבן מיט די Ralph C. Wilson Jr. Foundation וועלכע האבן ברייטהארציג געשטיצט די ארבעט זענען א געוואלדיגע בענעפיט סיי פאר די פארקס און סיי פאר אונזערע באזיכער."

די קוועיקער ראיאן וואס געפונט זיך אין די דרום-מערב חלק פון די 64,800-אקער-גרויסע פארק נעמט אויף אריין די מאַונט טוסקאראָורע פייער טורעם, פילע מיילן פון הייקינג טרעילס, די אזוי גערופענע "Bear Caves" (בער היילן) שטיינער, די Old Quaker Store מוזעאום און פילע בודקעס צו ארויסדינגען און קעמפּינג שטחים. די Cain Hollow קעמפּינג שטח געפונט זיך אויך אויף די קוועיקער חלק פון די פארק.

רוט 3 לויפט פון מזרח צו מערב פון די דרום ענדע פון רוט 2 נעבן די פארק'ס ברעדפארד אריינגאנג ביז סטעיט רוט 280 ביי די פארק'ס קוועיקער אריינגאנג אין קאָלדספרינג.

אין לויף פון די לעצטע צוואנציג יאר האבן מער פון 14.7 מיליאן מענטשן באזוכט די קוועיקער חלק פון די פארק, א דורכשניט פון אומגעפער 740,000 יערליכע באזיכער. די נייע טרעיל פאר געמישטע באנוצן לויפט אריבער די וועלדער, שטרוימען און אנדערע נאטורליכע זאכן, זיך פארבינדנדיג מיט אנדערע טרעילס, מיט בודקעס טרעילס און אנדערע פארק איינריכטונגען לענגאויס די וועג צו די קוועיקער לעיק ברעג פלאץ.

**דזש. דזש. טיג, דירעקטאר פון פארקס, טרעיל און גרינע דעזיין פאר די Ralph C. Wilson Jr. Foundation, האט געזאגט,** "אויסערגעווענטליכע ארבעט איז געטוהן געווארן אויף די ערשטע 1.6-מייל שטאפל פון די קוועיקער טרעיל פאר געמישטע באנוצן אין די אלעגאני סטעיט פארק, און מיר זענען גאר באגייסטערט מיט די פארענדיגונג פון די קומענדיגע 3.6 מייל. דאס וועט ברענגען א סך הכל פון 5.2 מייל פון טרעיל פאר באזיכער צו קומען זעהן, זיך פארבינדן מיט נאטור און פארן צו די קוועיקער לעיק ברעג פלאץ — דאס אלעס בשעת'ן אויסמיידן די אנגעלייגטע רוט 3. ארבעט איז געטוהן געווארן צו זיכער מאכן אז די טרעיל קומט נאך אלע ADA סטאנדארטן, אז עס איז א זיכערע, אריינגעמיגע און צוגענגליכע אוצר פאר די ראיאן, אפפערנדיג פאר מענטשן מיט און אן דיסאביליטיס די געלעגנהייט צו געניסן פון די ריזיגע סטעיט פארק."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "עס איז יעצט די בעסטע צייט פון די יאר צו ארויסגיין און געניסן פון אלע נאטורליכע וואונדערס וואס די אלעגאני סטעיט פארק האט צו אפפערן. און מיט די נייע טרעיל מיט געמישטע באנוצן, קענען באזיכער יעצט זעהן מער פון די פארק זיכערערהייט, אויסמיידנדיג פארנומענע שאסייען. די ניו יארק סטעיט DOT איז שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט די פארקס אפיס אויף דעם געוואלדיגן אינפראסטרוקטור פראיעקט וואס שטיצט אקטיווע טראנספארטאציע צו וועלכע אלע ניו יארקער קענען צוקומען און געניסן דערפון."

געגרונדעט דורך ראלף סי. ווילסאן דזשוניאר – פון די גרינדער פון די אמעריקאנער פוסבאל ליגע (American Football League) און דער געוועזענער אייגנטומער פון די Buffalo Bills בעפאר זיין טויט אין 2014 – שטיצט די פאַונדעישען פראיעקטן פאר פארוויילונג אין די מערב חלק פון ניו יארק סטעיט און אין דרום-מזרח מישיגען.

אין אקטאבער 2018, האט די פאַונדעישען ארויסגעקומען מיט א 200 מיליאן דאלארדיגע פארקס און טרעילס איניציאטיוו — 100 מיליאן דאלאר צוטיילט צווישן ניו יארק און מישיגען. דאס האט אריינגערעכנט

50 מיליאן דאלאר פאר יעדע ראיאן צו שאפן פארבינדונגען און עלימינירן לעכער אין ראיאנישע טרעיל סיסטעמען.

אין ניו יארק סטעיט האט די Wilson Foundation צוגעשטעלט מיליאנען דאלארן צו שטיצן דאס אויפבויען אריינגאנג פלעצער אין באפעלאו, ניאגארא פאָלס און ראטשעסטער לענגאויס די 750-מייל-לאנגע עמפייער סטעיט טרעיל; פארבעסערונגען צו די 90-מייל-גרויסע דזשענעסי וואלי גרינוועי סטעיט פארק און די Niagara Shoreline טרעיל; און אזוי אויך די יונגווארג פארוויילונג 'לייטערס צו די דרויסן' (Ladders to the Outdoors) פראגראם אין ערי קאונטי.

די Wilson Foundation האט די מעגליכקייטן צו ארויסגעבן גרענטס אין סומעס פון 1.2 ביליאן דאלאר איבער א תקופה פון 20 יאר וואס לויפט אפ אין יאנואר 2035. די געבוי דערפון שפיגלט אפ ווילסאן'ס באגער אז די פאונדעישען'ס השפעה זאל זיין באלדיג, באדייטנד, ממשיות'דיג און אונטער די אויפזיכט פון די וועלכע האבן אים די בעסטע געקענט. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ralphcwilsonjrfoundation.org.

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש באָרעלאָו האט געזאגט,** "די אויסגעפלאסטערטע צוגאב צו די קוועיקער טרעיל גיבט פאר פארק באזיכער, באזונדערס פאר אזעלכע וועלכע האבן באוועגונגען באגרעניצונגען, די מעגליכקייט צו פארן פון זייערע בודקעס און קעמפינג שטחים צו די הויפט פלעצער ארום די קוועיקער לעיק ברעג אן דארפן נוצן די ASP רוט 3 וואס איז אפט גאר פארנומען מיט קאר טראפיק. אלץ ניו יארק'ס גרעסטע סטעיט פארק, ציהט אלעגאני צו מער פון 1.5 מיליאן באזיכער יעדעס יאר, און עס איז א וויכטיגע עקאנאמישע טרייב קראפט פאר קעטערעגוּס קאונטי און פאר גאנץ מערב ניו יארק. די נייע חלק פון די טריל וועט באררייכערן די ערפארונג פון באזיכער צו די קוועיקער חלק פון די פארק. א דאנק פאר די Ralph C. Wilson Foundation פארן שטיצן דעם פראיעקט און פאר די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג פארן אנערקענען די נויט און זעהן אז עס זאל דורכגעפירט ווערן."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאָוסעף גיגליאָו האט געזאגט,** "איך בין דערפריידט צו זעהן די פארברייטערונג פון די טרעיל אין אלעגאני סטעיט פארק וואס איז אן אמת'ע אוצר אין מיין דיסטריקט. דאס איז א וויכטיגער פראיעקט, און עס וועט ערלויבן נאך מער באזיכער צו געניסן פון די נאטורליכע שיינקייט פון די פארק, מיט אירע פארברייטערטע פארוויילונג און חינוך'דיגע אקטיוויטעטן, און אזוי אויך פארשטערקערטע זיכערהייט מאסנאמען. אין צוגאב איז די אינפראסטרוקטור פארבעסערט געווארן צו באשיצן די ענווייראמענט און צו שאפן אפילו א בעסערע ערפארונג פאר פארק געסט. די טרעיל פארברייטערונג איז א געוואלדיגעביישפיל פון א שותפות צווישן די רעגירונג און א נאָן-פראפיט ארגאניזאציע וואס בענעפיטירט יעדן איינעם און ערלויבט מענטשן צו ארויסגיין און זעהן אונזער הערליכע פאנאראמישע פארק, באזונדערס נאך די קאוויד פאנדעמיע."

אין צוגאב צו די טרעיל פארברייטערונג, איז א 4.24 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו אויפבויען דריי נייע פובליק בית כסא'ס און שויער געביידעס פארענדיגט געווארן פאר דעם זומער סעזאן. די נייע איינריכטונגען זענען אין די קוועיקער חלק, ביי די Kaiser Cabin טרעיל, ביי די Creekside Cabin טרעיל און ביי די Horseshoe Cabin טרעיל.

**פארזיצער פון די קעטערעגוּס קאונטי לעגיסלאטור, האווערד וואן רענסעליער, האט געזאגט,** "טוריזם איז מער און מער וויכטיג פאר קעטערעגוּס קאונטי. איינס פון די דעסטינאציעס אין קעטערעגוּס קאונטי וואס מען קען נישט אויסלאזן איז די אלעגאני סטעיט פארק, איינס פון די גרעסטע פארקס אין די סטעיט. די היינטיגע אנאנס איבער א 6.8 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די ביציקל און הייקינג טרעיל אין די סטעיט פארק ווערט ענטוזיאסטיש אויפגענומען, און עס וועט פיל פארבעסערן די

דעסטינאציע אין די קאונטי. מיר באגרוסן די אינוועסטירונג, און מיר קוקן ארויס צו באווייכערן די פלאץ פאר באזיכער און קאונטי איינוואוינער צוגלייך."

**מידוועי סטעיט פארק פעריס וויל**
א ניי-צוריקגעשטעלטע היסטארישע פעריס וויל וועט זיך אויך עפענען ביי די מידוועי היסטארישע סטעיט פארק אין שעטאַקווע קאונטי דעם סוף וואך. די Eli Bridge 1948 פעריס וויל איז געקומען פון אן 'אמיוזמענט פארק' אין אטלונע פענסילוועניע. דאס איינקויפונג און איבערמאכונג פון די 30-פיסיגע פעריס וויל איז די רעזולטאט פון א קאמפיין צו אויפטרייבן געלט אנגעפירט דורך די אלעגאני ראיאנישע פארק קאמיסיע, די Natural Heritage Trust, די Friends of Midway State Park און אזוי אויך דורך ארבעט פון די סטעיט פארק איינגעשטעלטע. מידוועי סטעיט פארק איז א פאמיליע-פריינטליכע דעסטינאציע וואס געפונט זיך אויף די ברעגעס פון שעטאַקווע לעיק. צום ערשט אויפגעשטעלט אין 1898 אלץ א טראלי פארק, איז מידוועי סטעיט פארק איינס פון די עלטסטע אמיוזמענט פארקס צו זיין אפן אן אפשטעלונג אינעם לאנד.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג האט אויפזיכט איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונג טרעילס און שיפלעך פארטן וועלכע זענען באזוכט געווארן דורך 79.5 מיליאן מענטשן לעצטע יאר. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, רופט 518-474-0456 אדער באזוכט parks.ny.gov, פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook אדער פאַלאָוט אונז אויף Twitter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן